באַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע,
צונויפגעשטעלט פון ש. באַסטאָמסקי

מ. זאַרודין

# דזשימי

(דערציילונג).

י. קרעפּליאַק

# חָרְטֹה

(דערציילונג).

ווילנע
פאַרלאַג „נייַע יידישע פאָלקסשול"
1934

Printed in Poland.

Wypisy żydowskie w zeszytach,
złożone przez **S. Bastomskiego**

M. ZARUDIN.

„DŻIMI"

I. KREPLAK

"CHAROTE„

# דזשימי.

אַ יונגע פרישע פרימאָרגנדיקע זון האָט זיך דורכגעריסן דורך דעם פאַרשטויבטן קעלער-פענסטער און האָט זיך פריילעך צעלאַכט גלייך דזשימין אין פּנים אַריין. זיין טונקל-ברוינע הויט האָט אַ גלאַנץ געטאָן אונטער דער לאַכעדיקער זון און זיינע אויגן האָבן זיך פריער, ווי ביי אַ קינד, פאַרזשמורעט און דערנאָך זיך ברייט אויפגעעפנט.

— היינט איז דער סיום-טאָג! — איז אים דורכגעלאָפן אין קאָפּ.

עס איז אים גלייך געוואָרן פריילעך. ער האָט זיך דערמאָנט אין די גוטע באַלן, וואָס ער האָט געקריגן ביים לעצטן עקזאַמען, און זיין לערערין, וועלכע האָט פאַר אַלע שילער אים געלויבט פאַר זיין פלייסיקייט און גוטער אויפפירונג.

— דו ביסט אַ וווילער יונג, דזשימי, האָט צו אים נעכטן געזאָגט דער פאַרוואַלטער אַליין און אים פריינטלעך אַ קלאַפּ געטאָן איבערן פלייצע.

דזשימין האָט זיך געוואָלט אַראָפּשפּרינגען פון בעט, זיך איבערקוליען, זיך אַ ראַנגל טאָן מיט עמיצן. די פרייד האָט אים געהויבן פון אָרט. היינט איז דער לעצטער טאָג אין פאָלקס-שול! פון היינט אָן הייבט ער שוין אָן צו ווערן אַ גרויסער!... נאָר אין קעלער איז געווען שטיל, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז סע מוז נאָך זיין פרי, און די מאַמע זיינע מוז נאָך שלאָפן אַוודאי אין צווייטן צימער. האָט ער זיך צוריק אויסגעצויגן אויף זיין מאָגערן צעריסענעם מאַטראַץ. עס איז געווען אַזוי זיס צו ליגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און ניט דאַרפן זיך איילן, און ניט מורא האָבן צו פאַרשפּעטיקן אין קלאַס! און ווי גוט עס איז צו זיין אַ גרויסער. ער וועט קענען טאָן, וואָס ער וויל, גיין וווהין אים גלוסט זיך, ער וועט אַרבעטן, אויסהעלפן דער מאַמען...

— אוי, איך דאַרף אָפּקערן די טרעפּ! האָט ער זיך פלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן,— אפשר איז שוין גאָר שפּעט און די מאַמע טוט עס שוין?

— מאַמע, מאַמע, האָט ער אַ רוף געטאָן. קיינער האָט ניט געענטפערט. ווייזט אויס, אַז די מאַמע אַרבעט שוין אַרום הויז.

דזשימי האָט זיך אין איילעניש גענומען אָנטאָן. ער האָט ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז זיין שוואַכע מאַמע זאָל דאַרפן טאָן נאָך זיין אַרבעט אויך. יעדן פרימאָרגן, איידער ער פלעגט אַוועקגיין אין שול, פלעגט ער אָפּקערן פאַר דער מאַמען די טרעפּ און דעם טראָטואַר. פאַרוואָס זאָל ער האָבן גראָד היינט פאַרשפּעטיקט, ווען ער איז פריי?

— שעמען מעגסטו זיך, דו גרויסער נאַר, האָט ער זיך אויף זיך אַליין געבייזערט, זוכנדיק די זאַכן. אָבער ווי אויף צו להכעיס, איז איין זאַק

געווען אונטערן בעט, די צווייטע – אונטערן טיש, די שיך האָבן אינגאַנצן געפעלט. און דזשימי האָט זיך אַרומגעיאָגט פון איין ווינקל אין צווייטן און ניט געקענט אָפּזוכן זיין צעזייט און צעשפּרייט אַנטועכץ.

– אויב איך וועל נאָך אַמאָל אין אָוונט נ״ט אַוועקלייגן אַלע מיינע זאַכן אויף איין אָרט, זאָל איך...

ער האָט ניט געוווּסט, וואָס פאַר אַ שלעכטע זאַך ער זאָל זיך ווינטשן, אויב ער וועט זיין וואָרט ניט האַלטן. ער איז געווען זייער אין כּעס אויף זיך.

– וואָס אײַלסטו זיך אַזוי, דזשימי? דאַרפסט דאָך היינט ניט גיין אין שול, – האָט ער דערהערט דער מוטערס קול.

– אַ, מאַמע! איך דאַרף דאָך אָבער אָפּקערן די טרעפּ.

– נישקשה, איך האָב עס שוין אַליין געטאָן.

– צו וואָס האָסטו עס געדאַרפט טאָן? האָט ער געפרעגט.–דו ווייסט דאָך, אַז איך טו דאָס יעדן טאָג. האָסט קאַרג אַרבעט?

– היינט איז דאָך דיין לעצטער טאָג אין שול, דזשימי, וויל איך דו זאָלסט האָבן יום־טוב.

– מאַמעניו, דו ביסט גוט ווי גאָלד! האָט פריילעך אויסגעשריען דאָס יינגל און מיט איין שפּרונג איז ער שוין געווען צוריק אין בעט.

זיין מאַמע, אַן עלטערע אויסגעדאַרטע פרוי, האָט זיך מיד צוגעזעצט אויף זיין בעטל. דזשימי האָט באַמערקט איר מידקייט און דאָס האַרץ האָט אים פאַרקוועטשט, קוקנדיק אויף איר.

– מאַמע, ווייסט, אָט אינגיכן, גאָר גיך טאַקע, וועל איך אַוועקגיין אַרבעטן. איך וועל זיך אויסלערנען עפּעס אַ גוטע מלאָכה און איך וועל פאַרדינען אַ סך געלט. לאַך ניט, מאַמע,–האָט ער געזאָגט, באַמערקנדיק איר שמייכל,–דו וועסט זען, איך וועל מאַכן אַ סך געלט און איך וועל קויפן אַ קליינע הײַזקע, און דו וועסט דאָרטן וווינען און זיין די באַלעבאָסטע. און מיר וועלן דאָרטן האָבן אַ גאָרטן, און בלומען און נאָך זאַכן, און דו וועסט ניט דאַרפן אַרבעטן! איך וועל דיך ניט לאָזן, איך וועל אַלצדינג אַליין באַזאָרגן.

– הלוואַי זאָל עס אמת זיין, מיין זון, האָט זי געענטפערט מיט אַ זיפץ,– מיר, שוואַרצע, קענען זייער ווייניק דערוואַרטן גוטס פון לעבן. די ווייסע האָבן אַלץ פאַרכאַפּט פאַר זיך.

– אָבער פאַר וואָס איז דאָס אַזוי, מאַמע? מיט וואָס בין איך ערגער פון די ווייסע קינדער? איך בין אַזוי גוט, ווי זיי, אין שול לערן אי׳ך זיך ניט ערגער פון זיי, וואָס בין איך שולדיק, אַז איך בין געבוירן געוואָרן מיט אַ

שוואַרצער הויט און זיי מיט אַ ווייסער? מאַמע, דו וועסט זען, עס וועט שוין זיין גוט. און דו מוזט היינט גיין מיט מיר אין שול צום קאָנצערט! אַלע מאַמעס זיינען איינגעלאַדן, האָט די לערערין געזאָגט.

— ניין, קינד, איך וועל ניט זיין. די ווייסע הברה וועלן נאָך חוזק מאַכן פון מיר.

— זאָלן זיי נאַר וואַגן! האָט זיך דזשימי אָנגעצונדן פאַר כּעס.

— נו, גוט, גוט, מירן שוין זען. אָבער שטיי שוין אויף, עס איז שוין שפּעט.

די אַלטע איז אַוועק אין קיך צוגרייטן אַ גלאָז קאַווע, און דזשימי האָט זיך לאַנגזאַם גענומען אָנטאָן.

— מאַמע, איז ער באַלד צו צו דער־מוטער אין קיך.

— ווו איז מיין נייע בלוזע?

— אָט דאָרטן אויפן שטול הענגט זי, זעסט ניט?

ער האָט אויפגעהויבן די בלוזע און איז געבליבן שטיין אַ פאַרחידושטער.

— מאַמע, וועמעס ווייסער אָנצוג הענגט־דאָס דאָ? דאָס האָסטו אויס־געוואַשן פאַר עמיצן?

— דאָס איז ניט קיין געוואַשענער, דאָס איז אַ נייער, האָט זי געענטפערט.

— אָבער פאַר וועמען איז דאָס? און די ווייסע לייוונטענע שיך ווע־מעס זיינען?

— דאָס איז אַלץ פאַר דיר, האָט זי געזאָגט, קוקנדיק אויף אים מיט אַ גליקלעכן שמייכל. איך האָב ניט געוואָלט, אַז דו זאָלסט אויסזען היינט אָרעמער פון אַנדערע קינדער.

טרערן האָבן זיך געשטעלט דזשימין אין די אויגן פאַר פרייד. ער איז צוגעפאַלן צו דער מאַמען, האָט זי אַ קוש געטאָן אין דער צעקנייטשטער שוואַרצער באַק, האָט זי אַרומגענומען און גענומען טאַנצן מיט איר איבערן קיך.

— מאַמעניו, דו וועסט זען, איך וועל דיר שוין אָפּדאַנקען, דו וועסט זען עס וועט שוין זיין גוט, האָט ער אויסגעשריען אַ פריילעכער.

ער האָט געשווינד אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די אַלטע זאַכן, האָט זיך איבערגעטאָן אין די נייע און איז צוגעלאָפן צום שפּיגל זיך באַקוקן. אַ פּראַנט! און ער האָט זיך ניט גאָרניט וואָס צו שעמען פאַר קיינעם.

ער האָט אָפּגעגעסן איילנדיק און איז אַרויס אין גאַס. אים האָט זיך געוואָלט, אַז אַלע זיינע חברים פון שול זאָלן אים זען אַן אויסגעפּוצטן, אָבער גראָד ווי אויף צו להכעיס איז קיינער נאָך ניט געווען אין גאַס. ער האָט זיך דורכגעדרייט אַ פּאָר מאָל פאַרן הויז און איז אַוועקגעגאַנגען אין פּאַרק.

עס איז נאָך געווען פרי, איז ווייניק ווער געווען אין פּאַרק. ווו־ניט־ווו איז געזעסן אַ פרוי מיט אַ קינדער־וועגעלע. דאָס גראָז אַרום די ביימער

איז געווען אזוי קיל און שמעקעדיק, און דזשימין האָט אַ צי געטאָן זיך אויסצוציען אונטער אַ בוים. אָבער דער נייער אָנצוג האָט אים געשטערט. אַ שאָד שמוציק מאַכן אַזאַ ווייסן שיינעם אָנצוג. ער האָט נאָך קיינמאָל אַזאַ ניט געהאַט. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אַ ווײַלע, ביז די זון האָט אָנגעהויבן צו בריען צו שטאַרק, האָט ער אויסגעשפּרייט אַ צייטונג און זיך אויסגעצויגן אויפֿן גראָז אונטער אַ בוים. דורך דער גרינער נעץ פֿון בלעטער האָט ער געקוקט צום בלויען הימל, צו די ווייסע וואָלקנדלעך, וואָס זײַנען זיך פֿאַמעלעך געשוווּמען, און דזשימי האָט געטראַכט, אַז סע וואָלט גוט געווען, ווען ער קען אַזוי אַ הייב טאָן זיך צום הימל, זיך אַרויפֿכאַפּן אויף אַזאַ דורכזיכטיק וואָלקנדל און אַוועקשווימען מיט אים ערגעץ ווייט, ווייט אין דעם וווּנדערלעכן לאַנד, ווו יענע גוטע צויבערינס וווינען, וועגן וועלכע ער האָט געלייענט אין די מעשהלעך. לאַנג איז ער געלעגן אַ פֿאַרחלומטער, ביז די זון איז צוגעקומען אויך צו זײַן באַהעלטעניש און עס איז געוואָרן הייס.

– מע דאַרף גאָר צוגיין צום טײַך, האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון פּלאַץ און איז פֿריילעך אַוועקגעלאָפֿן צום טײַך. די הענט אין די קעשענעס, איז ער זיך געגאַנגען אַרום און אַרום וואַסער, צופֿייפֿנדיק. ער האָט געוואַרט, אַז אַ באַקאַנטער יינגל זאָל אונטערקומען מיט אַ שיפֿל, וועט ער זיך אויך אַרײַנכאַפּן.

– היי, ניגער, וואָס האָסטו זיך אַזוי אויסגעפּוצט היינט? האָט ער דערהערט אַ רוף הינטער זיך.

ער האָט זיך אומגעקוקט. אויף אַ באַנק, ניט ווייט פֿון וואַסער, זײַנען געזעסן פֿינף יינגלעך, אַ ביסל עלטער פֿון אים און האָבן שפּאָטיש געקוקט אויף אים.

– ווו האָסטו גענומען אַזאַ נייעם אָנצוג, האָסט אים אַוועקגעגנבעט? האָט אַרײַנגעוואָרפֿן אַ צווייטער פֿון דער חֶברֶה.

אין דזשימין האָט דאָס בלוט אַ קאָך געטאָן.

– מײַן מאַמע איז אַ גַנֶבטע? ווי וואַגסטו דאָס צו זאָגן?

דזשימי איז צוגעלאָפֿן און האָט אָנגעכאַפּט דעם יינגל, וואָס האָט באַליידיקט זײַן מאַמען, אים אַ שליידער געטאָן, זיך אַרויסגעדרייט פֿון זייער מיט און האָט אויסגעשריען: – ווער פֿון אײַך וויל זיך שלאָגן – קום אַרויס! איך בין גרייט זיך צו שלאָגן מיט יעדן פֿון אײַך!

זײַנע אויגן האָבן געברענט פֿון כַעס און באַליידיקונג. ער האָט זיך אויסגעבויגן און זײַנע קליינע שטאַרקע הענט מיט די פֿאַרקוועטשטע פֿויסטן האָט ער אויסגעשטעקט פֿאָרויס, גרייט צו ווערן זיך קעגן זײַנע שׂונאים.

די פינף ייִנגלעך האָבן זיך איבערגעווונקן און זיך צעלאַכט:

— ווי געפעלט אייך דער ניגער, ער וויל זיך דאָך שלאָגן!

— חֶבְרֶה, לאָמיר דעם ניגער אַריינוואַרפן אין וואַסער!—האָט פלוצלונג אויסגעשריען איינער פון די ייִנגלעך.

— אין וואַסער, אין וואַסער! האָבן אונטערגעכאַפּט די איבעריקע. און פינף פאַר הענט האָבן אַ נעם געטאָן דזשימין. דזשימי האָט ווילד און פאַרצווייפלט געקעמפּט. נאָר זיי זיינען געווען שטאַרקער פון אים.

— נישקשֶה, ניגערל, וועסט זיך אָפּבאָדן, וועסטו ווערן ווייס! האָט איינער געשריען.

זיי האָבן אים דערשלעפּט צום ברעג און מיטן גאַנצן כּוח אַריינגעשליידערט אין וואַסער אַריין.

— אוראַ! האָבן זיי אַלע אויסגעפּלאַצט אין אַ ווילדן געשריי.

— וואָס האָט איר געטאָן?

די פינף ייִנגלעך האָבן זיך דערשראָקן אומגעקוקט. פאַר זיי איז געשטאַנען אַ ייִנגל פון זייער עלטער. ער איז געווען הויך און שיין, זיין געזיכט איז געווען בלאַס פאַר אויפרעגונג און די גרויסע בלויע אויגן האָבן געבליצט פאַר כַּעס.

די ייִנגלעך האָבן פאַרשעמט זיך איבערגעקוקט.

דאָס וואַסער איז געווען ניט טיף. דזשימי איז אַרויסגעשוווּמען און איז מיט דער הילף פון דעם ניי-געקומענעם אַרויסגעקראָכן פון וואַסער.

דאָס וואַסער איז אין שטראָמען גערונען פון זיינע האָר, פון דעם נייעם אָנצוג, פון די נייע לייוונטענע שיך.

די ייִנגלעך זיינען זיך צעלאָפן, נאָר דער נייגעקומענער איז געבליבן.

— נעם זיך ניט צום האַרצן, דזשימי, האָט ער געזאָגט. עס וועט זיך אַלץ אויסטריקענען... און דו האָסט זיך בּראַוו געשלאָגן, איינער קעגן פינף, האָסט זיך ניט וואָס צו שעמען.

דזשימי האָט גאָר ניט געענטפערט.

— לאָמיר זיין פריינד, דזשימי, ווילסט? גיב מיר דיין האַנט, האָט דאָס ייִנגל וואַרעם געזאָגט, אַריינקוקנדיק דזשימין אין פָּנים.

דזשימי האָט פון אונטערן שטערן אַ קוק געטאָן אין דעם ייִנגלס בלויע גוטע אויגן, האָט דערפילט, אַז ער קען אָט די אויגן טרויען, און הייסע טרערן האָבן זיך קעגן זיי ווילן אַ גאָס געטאָן פון זיינע אויגן.

פאַר וואָס? פאַר וואָס האָבן זיי דאָס געטאָן? פאַר וואָס זיינען זיי אַזוי שלעכט?

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און האָט לאַנג און ביטער געוויינט.

# חַרְטֶה

## א.

פריידיק האָבן זיך די קינדער צוזאַמענגעטראָפן אויפן ראָג.

– העלאַו, סעמקע!–האָט נאָך פון דער ווייטן געשריען דער מורזעוואַטער, אויסגעשמירטער קאַמילאָ, שוין זומערדיק אָנגעטאָן און פאָכנדיק מיט אַ ביקסל אין דער האַנט.

סעמקע, מיט רויטע בעקלעך און גלאַנציקע קאַרשן־אויגן, נאָך אין די ווינטערדיקע בגדים מיטן ברוינעם, סוועטער פון אונטן, האָט צופרידן אָפּגעוואַרט קאַמילאָן, זיך געוווּנדעט אויף זיין זומערדיקן הילוך און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— קום אַהער, ווייַז דאָס ביקסל.

— אָט איז דזשימי! — האָבן זיך ביידע אַ כאַפּ געטאָן.

— דזשימי, קום אַהער!

דזשימי — אַ דאַרער, אַ געלער, אינגאַנצן אין זומערשפּרענקלעך, מיט אַ דינעם פאַררִיסענעם נעזל, פונקעלעך אין די העלע אויגן, — איז זיך געגאַנגען פאַמעלעך, פאַררוקט די הענט אין די הויזן־קעשענעס, דעם קאָפּ איינגעצויגן אין די אַקסלען, ווי ס׳וואָלט אים קאַלט געווען.

— גיכער, קום אַהער! — האָט סעמקע געררופן.

— לילי קומט, קוק, לילי קומט! — איז אונטערגעשפּרונגען קאַמילאַ.

— אָ, העלאָו, לילי! — האָט סעמקע זיך אַ כאַפּ געטאָן און אינגאַנצן אויפגעשײַנט.

— העלאָו, סעמי! — איז זיך לילקע גלאַסן צוגעקומען, אינגאַנצן אַ פּרימאָרגנדיקע אין איר ראָזן סוועטער, און חנוודיק פאַרשאַרט מיטן הענטל אירע יינגלש־אונטערגעשאָרענע האָר.

באַלד איז צוגעקומען ביסריס מיט אַ שפּרונג־שטריק אין האַנט.

און נאָך און נאָך פון אַלע זייטן זיינען געקומען קינדער, אַפילו דער פיר־יאָריקער הערעלע, דעם הויז־וועכטערס ייִנגעלע, אין גרויסע ניט צוגעפּאַסטע קאַמאַשן, און נאָך אַ גרעסערן היטל, מיט עפּעס פרעמדע מעשענע קנעפּ אין זיין פאַרשמאָדערט מאַנטעלע, א׳ז אויך געקראָכן פון קעלער־שטוב. די היטל — די גרויסע טשאַפּורע — האָט זיך אים אַראָפּגערוקט איבערן נעזל, האָט ער שווער געסאָפּעט, נישט פאַרשטאַנען זי אויפצוהייבן און בלינד אויף אַלע פיר זיך גענדראַפּעט אויף די טרעפּ פון קעלער אַרויס.

באַלד איז דער טראָטואַר צעקעסטלט געוואָרן פון ווייסן קרייט. די מיידלעך טאַנצן, שפּרינגען אויס פיגורן. די יינגלעך שפּילן באָל און לויפן מיט אַ טומל פון איין טראָטואַר אויפן צווייטן.

נאָר דער קליינער הערעלע שטייט מיט פאַרקוקטע אויגן, צוגעשפּאַרט צום אייזערנעם צוים פון קעלער, גיט זיך קיין ריר ניט, נאָר וואַרעמט זיך אויף דער זון און קוקט נאָך יעדע באַוועגונג פון די קינדער.

— דזשי, היינט איז וואַרעם — זאָגט דער דיקער סעמקע, אַ פאַרשוויצטער פון באָל.

— לאָמיר גאָר גיין אין פּאַרק צו די קוואַלן — כאַפּט זיך אַרויס קאַמילאַ.

— טאַקע אין פּאַרק, — כאַפּט אונטער סעמקע.

— זאָל זיין אין פּאַרק — זאָגט דזשימי.

אין פּאַרק, אין פּאַרק! — ווערט אַ גערודער צווישן די קינדער.

— ניין, ס׳איז נאָך קאַלט, די מאַמעס וועלן ניט לאָזן! — רופט זיך אָפּ אַ סטאַטעטשנע מיידל, מיט אַ געלאָסענעם פּנימל און אַ שאַל אויפן האַלדז.

— וואָס איז דיין דאגה? — שפּרינגט צו קאַמילאַ אַ צעקאָכטער.

סעמקע דרייט זיך דערווייל צווישן דער גאַנצער כאַפּטע יינגלעך. יעדערן שטורכעט ער מיטן פינגער אין ברוסט.

— דו וועסט גיין! דו וועסט גיין!

יעדער ייִנגל נעמט צו דעם שטורך שווייגנדיק־ערנסט. אַלע פאַררייכטן נאָר ד׳ היטלען און קוקן מיט אַ מינע, ווי זיי וואָלטן געווען גרייט צו גיין אין פייער און אין וואַסער. דער קליינער הערעלע האָט זיך דערווייַלע צוגעשאַרט מיט די גרויסע קאַמאַשן און זיך צוגעשטעלט צו אַלע יינגלעך. זעענדיק, אַז סעמקע שטורכעט אים ניט אין האַרצן, האָט ער פאַררייסן דעם קאָפּ צו סעמקען, אויף זיך אַליין געטײַטלט מיטן פינגער און געררופן — מיך אויך... סעמקע האָט אויף אים מיט פאַראַכטונג אַ קוק געטאָן;

— נאָך צו קליין, סט׳גיין מיט דיין מאַמען.
לילקע איז צוגעשפּרונגען אַ פאַרפּלאָמטע:
— מיר, מיידלעך, גייען אויך...
— גוט, האָט סעמקע געזאָגט.
— ניין, האָט דזשימי צונויפגעזשמורעט אין שמאָלע פּאַסיקלעך זיינע העלע אויגן,—דו ווייסט זיי מיטנעמען, זייערע מאַמעס וועלן שרייַען און מירן זיין שולדיק.
— ניין, מ׳דאַרף ניט!—האָבן די יינגלעך אויפגעהויבן אַ געשריי.
— מירן יע גיין—האָבן געשריען די מיידלעך און אויסגעמישט זיך מיט די יינגלעך.
— ניין, איר׳ט ניט גיין... האָבן זיך די יינגלעך אָטגעטיילט פון זיי.
— דו, סעמקע, ביסט אַ שלעכטער יינגל—האָט לילקע געמאַכט אַ קאַפּריזנעם פּנים.
— דו אַליין אֶפשר יאָ,—האָט אָנגעהויבן סעמקע.
— ניין, קיין איינע ניט,—האָט קאַלט און פאַרביסן געזאָגט דזשימי.
קאַמילאָ האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אָפּשטופּן די מיידלעך. ס׳איז געוואָרן אַ שפּאַרעריַי, אַ קריגעריַי. פאַרבייַגייערס האָבן זיך אָפּגעשטעלט קוקן, וואָס דאָ טוט זיך, און שמייכלענדיק געגאַנגען ווייטער.
נאָר דער קליינער הערעלע איז זיך געשטאַנען רויִק מיט דעם פּוזעוואַטן בייַכל אַרויסגעשטעלט, מיט דער גרויסער ווינטערדיקער היטל איבערן שטערן, פונוואַנען ס׳האָבן אַרויסגעקוקט, ווי פון אַ באַהעלטעניש, זיינע שוואַרצע פּאַרקוקטע אויגן.
אָפּגעשטופּט אָן אַ זייט, האָט ביטריס געשריען:
— מיר דאַרפן זיי ניט, מירן פונקט אַזוי טרעפן ווי זיי.
— אָבער וווּ די קוואַלן זייַנען ווייסט איר ניט,—האָט קאַמילאָ אַרויסגעשטעלט אַ צונג...
די יינגלעך האָבן זיך מיטאַמאָל אַ לאָז געטאָן לויפן צום פּאַרק, און דער קליינער הערעלע פון הינטן נאָך זיי.

## ב.

אין פּאַרק זיינען דורך נאַכט גרין געוואָרן גאַנצע שטיקער פון די לאָנקעס.
אויף די אַקאַציען-ביימלעך האָבן זיך שוין אויסגעשאָטן יונגינקע, העל-גרינע קנאָספּעלעך, ווי קרייזעלעך אויף קינדערשע קעפּלעך. נאָר ערטערווייז האָבן נאָך געגלעט שטיקער ערד און דערמאָנט אָן פאַרלאָפענעם האַרבסט און ווינטער.
פון דער קליינער צעפּלאַצטער, אָנגעוואַרעמטער ערד האָבן זיך גלייך פון באַגינען אַ לאָז געטאָן אָן אַ צאָל רעגן-ווערים און פאַרפּלייצט די נאַסע שטעגלעך, די פייכטע אַלעעס.
ווי אַ מַחנה שפּערלעך האָבן זיך די קינדער אַ לאָז געטאָן מיט אַ פּלאַפּלעריַי, מיט אַ געבריַיעריַי איבער לאָנקע און שטעג, דורך אַלעעס און קוסטעס. באַלד זייַנען זיי שוין געקראָכן אויף די פעלזן פון פּאַרק, זיך געדראַפּעט אויפן „אינדיאַנער שטיין", וואָס קוקט אויפן סאַזשלקע. סעמקע, דזשימי און קאַמילאָ און נאָך יינגלעך האָבן זיך אַרונטערגעלאָזן צו די קוואַלן אין זומפּיקן טאָל, וווּ דער פּאַראַיאָריקער שטייַפּער טשערעט איז געווען פאַרטרונקען ביזן האַלדז אין וואַסער.
ס׳שלאָגן קוואַלן; ס׳שנירלען זיך גאָלד-געלע ליימיקע רינעלעך, ס׳פּלייצט איבער די רינעלעך אַ קלאָר וואַסערל און זינגט צו מעלאָדיש, קאַטשענדיק זיך איבער שטיינדלעך און וואָרצלען.

עס שלענגלען זיך די פרישע פרילינגס־וואַסערלעך, קריכן אַרײַן אין דער ערד און קומען אַרויס צוריק נאָך מער געלײַטערט. און ציען זיך שוין אין אַ טײַכל.

קאַמילאָ שפּרינגט, לויפט איבער די שטאַמען פון די אויסגעהאַקטע ביימער, וואָס ליגן אויף אַ זייט און וואָס מע האָט נאָך ניט באַוויזן אַוועקצונעמען.

סעמקע לויפט זוכן אַ ברעט אויף אַ הוידע — און דזשימי רייסט אַ צווייגל פון אַ נוס־בוים, כאָטש ער ווייס, אַז מע טאָר ניט.

די קינדער שפּרינגען אויף די קלעצער, זעצן זיך רײַטנדיק, קריכן אין די זומפּן, נעמען ליים און בויען פאַרצאַמונגען אין טייכל און האַלטן אָפּ דאָס וואַסער. קומט אָן דאָס וואַסער הויך־הויך, בויען זיי נאָך העכער, הייבט עס זיך אָלץ, און מיט אַ מאָל גיט עס זיך אַ ריס דורך...

ווערט אַ פרייד, אַ געשריי, צעגלאַנצן זיך די אויגן, און מע לויפט ווידער נאָך ליים.

נאָר הערעלע האַלט זיך פונדערווייטן. ער איז זיך אַ מענטש פאַר זיך. די ערשטע וואָך איז ער אַרײַן מיט די גרויסע קאַמאַשן אין ריטשקעלע און זיך דורכגעשפּאַצירט אין וואַסער הין און צוריק. געזען, אַז דאָס וואַסער ווערט אַזוי שיין, גאָלדיק־געל, איז ער אַרויס מיט פולע שיך מיט וואַסער, געפונען אַ פּאַפּירן צעריסן קעסטעלע און מיט די הייפלעך געשעפּט דאָס געלע וואַסערל און געגאָסן אין פּאַפּירענעם קעסטעלע און געוווּנדערט זיך, פאַרוואָס עס ווערט ניט פול...

— מיר האָבן אַ ברעט! — האָט סעמקע און נאָך אַ פּאָר ייִנגלעך געשריען, שלעפּנדיק אַ ברעט, — דזשימי, קאַמילאָ קומט זיך הוידען! —

ג.

הוידען זיך די קינדער אַרויף־אַראָפּ, סעמקע פון איין זייט, דזשימי פון דער צווייטער זייט, און קאַמילאָ אינמיטן, — אַ פוס אַהער, אַ פוס אַהין, וויגט און באַלאַנסירט אַרויף־אַראָפּ — דאָס ערשטע מאָל הײַ־יאָר. דאָ הייבט מען זיך אויף אַזוי הויך־הויך, אַז עס ווערט אַזש קיל אין האַרצן און אָט פאַלט מען, דוכט זיך, נאָר געשעדיקט צו ווערן...

— די מיידלעך גייען! — הייבט זיך פּלוצלונג אויף אַ געשריי. מיט אַ טראַך פאַלט די ברעט צו דער ערד. דזשימי, סעמקע, קאַמילאָ, אַלע, אַלע שטייען און קוקן, ווי די מיידלעך קומען אָן מיט לילקען און ביטריסן בראש.

זיי גייען עפּעס ניט דרייסט, אַנדערע האַלטן זיך פאַר די הענט.


די קינדער וויגן זיך.

— ניט צולאָזן זיי צו די קוואַלן! — האָט דזשימי אַ זאָג געטאָן צו די ייִנגלעך.

די מיידלעך האָבן עפּעס ווי דערפילט די קריגערישע שטימונג פון די ייִנגלעך, זיך אָפּגעשטעלט און אויפגעהויבן אַ געשריי: — בע, בע! מיר האָבן געפונען!

— לאָמיר זיי גאָר פאַרטרײַבן! — האָט זיך אויפגעקאָכט קאַמילאָ.

די ייִנגלעך האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף די מיידלעך. יענע האָבן אויפגעהויבן אַ געשריי,

קאַמילאָ האָט אַ כאַפּ געטאָן ביטריסן; דזשימי האָט געוואָלט אַ כאַפּ טאָן אַן אַנדערע, האָט ער זיך דערווייל אויסגעגליטשט אין נאַסן ליים. ביי די מיידלעך איז געוואָרן אַ געלעכטער. סעמקע האָט זיך געיאָגט נאָך לילקען, וואָס האָט זיך אַרויס־געדרייט פון זײַנע הענט און געלאָפן ווילד.

ביי די מיידלעך האָט זיך אויפגעהויבן אַ פריידיקער געשריי. ביטריס האָט זיך אַרויסגעריסן פון קאַמילאָס הענט און אים אַליין אומגעשלײַדערט. די איבעריקע האָבן זיך אַרומגעקליבן אַרום איר. לילקע איז אויך צוגעלאָפן מיט סעמקען.

— ס'איז דײַן פּאַרק? ס'איז אײַער פּאַרק? האָט ביטריס אָנגעהויבן שרייען, און עטלעכע מיידלעך האָבן אַ כאַפּ געטאָן סעמקען, וואָס איז אַרײַנגעפאַלן צווישן זיי, און זיי זײַנען אים באַפאַלן.

סעמקע איז געבליבן אָפּהענטיק שטיין און ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן.

די מיידלעך זײַנען געוואָרן נאָך דרייסטער.

— איר, שלעכטע ייִנגלעך, מירן דערציילן אײַערע לערער.

דו ביסט אַ שלעכטער,—האָט לילקע ברוגז געקוקט אויף סעמקען.

דאָס איז דאָך אויף צופלײַסן,—האָט סעמקע זיך געפּרוּווט פאַרענטפערן.

די מיידלעך האָבן געזיגט. צוערשט האָט מען זיך נאָך געשפּילט באַזונדער—באַלד האָט מען זיך שוין געשפּילט צוזאַמען און די הוידע האָט זיך געהוידעט איבערן קלאָץ אַרויף־אַראָפּ.

אויף איין עק ברעט זײַנען שוין געזעסן לילקע מיט ביטריסן, אויף דעם צווייטן עק—סעמקע מיט דזשימין און קאַמילאָ שטייענדיק אין באַלאַנס.

— לאָמיר זיי אָפּטאָן,—האָט שטיל אַ זאָג געטאָן צו סעמקען דער נאָך אויס־געשמירטער דזשימי און פאַרזשמורעט די העלע אויגן — מירן אַראָפּשפּרינגען פון ברעט,—זאָלן זיי זיך קײַקלען..

— גוט,—האָט צוגעשטימט צו דער חכמה סעמקע.

זיי האָבן אַראָפּגעוויגט די ברעט צו דער סאַמער ערד און באַלד אַראָפּגעלאָזן.

די ערשטע איז געפאַלן לילקע און אויף איר ביטריס..

אַ צעבלוטיקטע האָט זיך לילקע אויפגעהויבן; פאַלנדיק, האָט זי זיך אָפּגעקלאַפּט און זיך אָפּגעריבן אָן אַ בוים.

די מיידלעך האָבן אויפגעהויבן אַ געשריי:

— בלוט, בלוט! גיכער וואַסער אַהער!

קאַמילאָ האָט זיך אַזוי דערשראָקן, אַז ער איז גלייך אַנטלאָפן. דזשימי איז געשטאַנען מיט די הענט אין די הויזן און תּמעוואַטע געשמייכלט, נאָר סעמקע איז אַרומגעלאָפן אַ דערשראָקענער. געזען ווי לילקע זיצט אונטער אַ בוים מיט אַ פאַררויטיקט טיכעלע ביים מויל און וויינט, איז אים אונטערגעגאַנגען אונטערן האַרצן.—ער איז געקראָכן צו איר און זיך געשוואָרן:

— ס'איז געווען אויף צופלײַסן, אויף מיין וואָרט, ס'איז געווען אויף צופלײַסן!

— אַוועק!—האָט אים ביטריס געטריבן.

ער האָט אַלץ זיך געדרייט אַרום לילקען, געקוקט איר אין די אויגן און מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ געפרעגט:

— ס׳טוט וויי?

לילקע האָט נאָך מער געוויינט.

— וואָלסטו זיך אַזוי צעקלאַפּט דעם קאָפּ—האָט געשריען ביטריס.

— וויין ניט, אויף מיין וואָרט, ס׳איז געווען אויף ־צופֿלייסן—האָט אַלץ גערעדט סעמקע.

— ווייסט, איך וועל מיין קאָפּ איך אָפּקלאַפּן—האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אונטערן וועלביקן בוים, וואָס לילקע, און זיך גענומען קלאַפּן מיטן קאָפּ אָן אים און פרעגן לילקען:

— גוט, אַ?

לילקע האָט אויפגעהערט צו וויינען.

יעקב קרעפּליאַק.

# לערנביכער אויף יידיש

## פון ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן

1. „לעבעדיקע קלאַנגען"—אילוסטרירטער א"ב.
2. „לעבעדיקע קלאַנגען"—כרעסטאָמאַטיע 1-טער טייל
3. „לעבעדיקע קלאַנגען"—כרעסטאָמאַטיע 2-טער טייל
4. „לעבעדיקע קלאַנגען"—כרעסטאָמאַטיע 3-טער טייל
5. „לעבעדיקע קלאַנגען"—כרעסטאָמאַטיע 4-טער טייל
6. „לעבעדיקע קלאַנגען"—כרעסטאָמאַטיע 5-טער טייל
7. דאָס לעבעדיקע וואָרט (ש. באַסטאָמסקי און ז. רייזען) כרעסטאָמאַטיע פאַרן V און VI לערניאָר
8. דאָס „נײַע וואָרט" – כרעסטאָמאַטיע פאַר עלטערע קלאַסן. אין 3 בענדער: עפּאָס, ליריק און דראַמע.
9. באַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע פון ש. באַסטאָמסקי. (40 באַזונדערע העפטן).

די „לעבעדיקע קלאַנגען", „דאָס לעבעדיקע וואָרט" און „דאָס נײַע וואָרט" זײַנען רעקאָמענדירט פון דער צענטראַלער יידישער שול-אָרגאַניזאַציע און זײַנען אָנגענומען אין די יידישע שולן אין דער גאָרער וועלט.

# נייע רעכנביכער!

## שוין דערשינען

### צוויי נײַע רעכנביכער פון ש. באַסטאָמסקי

1. אריטמעטישער רעכנבוך פאַרן צווייטן לערניאָר – צאָלן פון ערשטן הונדערט. ערשטע ידיעות פון געאָמעטריע.
2. אריטמעטישער רעכנבוך – ברוכצאָלן.

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

S. Bastomski Wilno, Stefańska 24.

Konto P. K. O. 81.899.



# אַבאָנירט אַלע
## און פאַרשפּרייט
## דעם אילוסטרירטן
### 2=וועכנטלעכן
## קינדער-זשורנאַל
# „גרינינקע
# בּיימעלעך",
וואָס דערשײַנט אין ווילנע
אונטער דער רעדאַקציע פון **ש. באַסטאָמסקי.**

**די „גרינינקע בּיימעלעך"** איז דער איינציקער 2=וועכנטלעכער אילוסטרירטער יידישער קינדער=זשורנאַל.

**די „גרינינקע בּיימעלעך"** ווערן פאַרשפרייט און געלייענט פון די יידישע קינדער אין דער גאַנצער וועלט.

**אין די „גרינינקע בּיימעלעך"** שפּיגלט זיך אָפּ דאָס לעבן פון די יידישע שולן אין דער גאַנצער וועלט.

**די „גרינינקע בּיימעלעך"** העלפן בויען די נײַע יידישע שול.

**אין די „גרינינקע בּיימעלעך"** ווערן געדרוקט בּילדער, דערציילונגען און מעשהלעך, רײַזעס, ביאָגראַפיעס, קינדער=פּיעסן, וויסנש. דערציילונגען, זאַמלונגען פון וויצן, רעטענישן, שפּילן א. א.

**די „גרינינקע בּיימעלעך"** האָבן פאַרדינט די אַלגעמיינע אָנערקענונג און דאַרפן זיך געפינען אין יעדן יידישן הויז.

**אַלע פרײַנט פון יידישן וואָרט און יידישן קינד דאַרפן טאָן פאַר די „גרינינקע בּיימעלעך" אַלץ, וואָס ס'איז נאָר מיגלעך.**

**אַבאָנירט אַלע,** שאַפט קרײַזלעך צו פאַרשפּרייטן די **„גרינינקע בּיימעלעך"**

—— אבאָנעמענטס פּרייז: ——

אַ יאָר (20 נומ.) 7 גילדן (אַמ. 1 דאָל.) אַ האַלב יאָר (10 נומ.) 4 ג. (60 סענט)

**פאַרן שאַפן אַ גרעסערע צאָל אבאָנענטן באַקומט מען פּרעמיעס.**

אַדרעס פאַר בריוו און געלט **S. Bastomski, Wilno. Stefańska 24, m. 28.**

באַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע,
צונויפגעשטעלט פון ש. באַסטאָמסקי.

ס. יעלפּאַטיעווסקי

# העקטאָר

ייִדיש — ש. באַסטאָמסקי

---

ע. ווילדענברוך

# אין דער פרעמד

(פון אינטערנאַטן-לעבן)

ייִדיש — ש. באַסטאָמסקי

ווילנע
פאַרלאַג „נייע ייִדישע פאָלקסשול".
1929.

Wypisy żydowskie w zeszytach,

złożone przez S. BASTOMSKIEGO

Printed in Poland.

## S. Jełpatijewski

„Hektor"

przekład S. Bastomskiego

## E. Wildenbruch

„In der fremd"

przekład S. Bastomskiego

Drukarnia „EXPRESS" Wilno, Wielka 33.

ס. יעלפאַטיעווסקי

# העקטאָר

אַכט אַזייגער אינ־דערפרי. דער סאַמאָוואַר איז אויפן טיש. זינע דאַרף שוין גיין אין גימנאַזיע.

— זינינקע! — וועקט זי דאָס שטוב־מיידל — שטיי אויף!

זינע ענטפערט ניט און ליגט אַלץ אין בעטל איינגעוויקלט אין דער דעקע.

דאָס מיידל גייט צו נעענטער צום בעטל. אָבער פון אונטער דער דעקע רוקט זיך פּלוצלונג אַרויס דער שוואַרצער קאָפּ פון הונט מיט אויסגעשטשירעטע ווייסע שאַרפע ציין.

דאָס מיידל טרעט אָפּ אַהינטער און הייבט ווידער אָן איינצורייידן זינען, זי זאָל אויפשטיין:

— פאָלג מיך, זינעלע, שטיי אויף! די מאַמע וועט זיך ווידער בייזערן...

זינע רופט זיך ניט אָפּ און גלעט אינדערשטיל אונטער דער דעקע העקטאָרן, גיט אים צו מוט, ער זאָל זי פאַרטיידיקן.

די מאַמע קומט אַריין.

— דער כלב לאָזט ווידער נישט צו! — באַקלאָגט זיך דאָס מיידל פאַר דער באַלעבאָסטע.

— שטיי אויף, זינע! — זאָגט די מאַמע שטרענג און גייט צו צום בעטל.

העקטאָר זעט דייטלעך, אַז ס׳ווערט געמאַכט אַן אָנפאַל אויף זיין פריינדין. גיט ער זיך אַ שטעל אויף אויף אַלע פיר און הייבט אָן אַזוי בייז צו רעווען, אַז ס׳פאַלט אָן אַ שרעק. ער מאַכט אַן אָנשטעל, וואָס באַווייזט קלאָר: ווער עס דאָס לעבן איז ליב, יענער זאָל צום בעטל ניט צוגיין!

די מאַמע דערשרעקט זיך און טרעט אויך אָפּ פון בעטל.

— מאַרש! וואָן! — שרייט די מאַמע פון ווייטן צו העקטאָרן.

העקטאָר האַלט אָבער, ווייזט אויס, אַז זיין פריינדין איז נאָך אַלץ אין געפאַר, און ער ענדערט ניט די קאַמפּס־פּאָזע.

און זינע? — זי שלאָפט שוין ניט פון לאַנג און מיט איין אייגל קוקט זי אַלץ אַרויס פון הינטער דער דעקע. זי ווייס וואויל, אַז ס׳איז שוין צייט אויפצושטיין. זי זעט אויפן טיש די פרישע בולקעלעך, וואָס זי האָט אַזוי ליב... אין בעט איז אָבער אַזוי וואַרעם און אַלץ, וואָס ס׳קומט דאָ איצט פאָר — אַזוי אינטערעסאַנט, אַז ס׳גלוסט זיך איר בלייבן ליגן און זי מאַכט זיך שלאָפנדיק.

אַ קליין ברויט־קייקעלע טרעפט זי פּלוצלונג אין שפּיץ נאָז — דאָס לעצטע מיטל, וואָס די מאַמע פּרוּווט אויס.

זינע שפּרינגט אויף פון בעטל און זאָגט אומצופרידן:

— מאַמע, ווי קען מען אַזוי איבערשרעקן אַ מענטשן?.. ס׳איז דאָך אַ געפאַר!

די מאַמע ענטפערט ניט און בייזערט זיך אויף העקטאָרן, וואָס איז דערוויל אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט.

העקטאָר איז פאַרשעמט. ער וויל ווייזן, אַז מער וועט ער שוין אַזוינס נישט טאָן, און מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם ווידל שאַרט ער זיך פאַזע וואַנט אַוועק צו דער טיר.

— כּרוֹוון זאָל אַזוינס נאָכאַמאָל פּאַסירן, וועל איך פאַרטרייבן דיין העקטאָרן, ווי דער שוואַרצער פעפער וואַקסט! — וואָרנט די מאַמע.

זינע זיצט בײם טיש, זופט אײליק דעם הײסן טײ און בײסט די װײכע בולקעס. דער מאַמעס רײד שרעקן זי נישט. זי װײס גאַנץ גוט, אַז די מאַמע װעט העקטאָרן ניט אַרױסטרײבן, װײל זי אַלײן האָט אים אױך זײער ליב. און טאַקע דערפאַר, װאָס ער האָט זיך אַזױ צוגעבונדן צו איר טעכטערל...

זינע איז אָנגעטאָן, אין גאַס צו גײן. הינטער דער טיר װאַרט שױן אױף איר איר טרײער פרײנד.

— נו, העקטאָר, אין גימנאַזיע!..

ס'איז שפּעט און בײדע לױפן.

צװישן העקטאָרן און דעם שול־דינער קומען שטענדיק פאָר צוזאַמענשטױסן. העקטאָר האָט מורא אַװעקצולאָזן זינען אײנע אַלײן אין דער גרױסער פינצטערער געבײדע. ער װיל זיך אױך אַהין אַרײנרײסן. עס העלפט אָבער קײנזאַך נישט און ער מוז זיך צוריקקערן אַהײם אַלײן.

ער שפּאַנט מיט רויִקע טריט, װאַרפט גלײכגילטיקע בליקן אױף די שטאָטישע הינט, װאָס דרײען זיך אַרום איבערן מאַרק. די שטאָטישע הינט קענען אים שױן און האָבן גרױס דרך־ארץ פאַר זײן ברײטער ברוסט, געזונטע מוסקולן און שאַרפע צײן. אַ פּאָר פרעמדע הינט האָבן אַמאָל יאָ געפּרוּװט אים פאַרטשעפּען. זײ װעלן שױן אָבער פאַרזאָגן אַ צענטן װידער מיט אים זיך אָנצוהײבן.

געקומען אַהײם, לױפט העקטאָר אין שטאַל אַרײן — געװוּיר־װאַרן זײנע פרײנד — די פערד. נאָכער גײט ער אין קיך. די קיך האָט העקטאָר זײער ליב. דאָרט איז אַזױ װאַרעם און ס'טראָגן זיך אַרום אַזױנע געשמאַקע ריחות! מיט דער קעכין לעבט ער אױך גוט.

ער עסט אױף זײן פרישטיק און ציט זיך אױס אױף זײן באַשטימטן אָרט לעבן דער פּליטע. אײן אױג האַלט ער צוגעמאַכט און מיטן אַנדערן גיט ער פױל אַכטונג אױף דעם, װאָס ס'טוט זיך אַרום.

— װײסט, העקטאָר? — זאָגט די קעכין אין אַ געװיסער צײט אַרום — זינע גײט דאָך שױן!

בײם װאָרט „זינע" שפּרינגט ער אױף און לױפט צום אָרט, װוּ ס'קומט שטענדיק פאָר די באַגעגעניש פון בײדע פרײנד.

---

הײנט איז בײ זינען געװען אַן אומגליקלעכער טאָג און דעריבער איז זי זײער אומעטיק און פאַרדאגהט. ס'האָט זיך אָנגעהױבן פון דער שרפה. ס'איז אַזױ געװען: זי איז געגאַנגען אין גאַס. זײנען אָנגעפאָרן פײערלעשער. איז זי זײ נאָכגעלאָפן און געזען, װי עס ברענט אַ הױז.

און אינדערהײם איז מען געװען אומרויִק.

מע האָט זי לאַנג אַרומגעזוכט און ענדלעך געפונען.

אָבער װי האָט זי אױסגעזען? די האָר — נאַס, די בגדים — נאַס, אינגאַנצן נאַס. אַז זי איז אַרײן, זײנען שױן אַלע געזעסן בײם טיש. מע האָט זי אױפגענומען נישט אַזױ פרײנדלעך. דאָס האָט איר זײער געקרענקט און זי האָט זיך שױן געפילט נישט גוט.

בײם עסן האָט זי זיך צעריסן מיט װעלװקען — איר ברודער.

ער מײנט, אַז ער איז אין צװײטן צוגרײטונג און זי אין ערשטן, איז ער שױן

א גאַנצער האָן. ער זאָגט, אַז ביי זיי אין שול וואָלט מען איר אָנשטאָט פינפן גע־שטעלט איינסן און אַז אַלע מיידלעך זיינען נאַרישע קי.

זי האָט עס נישט געקאָנט איבערטראָגן און זיך פונאַנדערגעוויינט.

טאַטע־מאַמע האָבן זיך היינטיקס מאָל פאַר איר ניט אָנגענומען און דאָס האָט איר נאָך מער פאַרדראָסן.

דאָס ערגסטע איז געקומען נאָכן עסן. זינע האָט געוואָלט צוגיין צו דער שרפה — זען, צי דאָס שכנותדיק הויז האָט זיך אָנגעצונדן. די מאַמע איז אָבער דערפאַר גע־וואָרן שטאַרק אין כעס אויף איר און געזאָגט, אַז זינע איז ניט קיין פיינע מיידל, אַז זי וויל אַזאַ מיידל ניט האָלט האָבן.

זינע איז געוואָרן ברוגז, האָט זיך פאַרקליבן אין שלאָפצימער אויף דער מאַמעס בעט און גענומען קלאָגן.

העקטאָר איז צוגעגאַנגען צום בעט. אים האָט זיך שטאַרק געוואָלט מיט וואָס עס איז טרייסטן זיין טייערע פריינדין. ער האָט אויסגעפרוווט אַלע מיטלען, וואָס פלעגן אין אַזוינע פאַלן שטענדיק העלפן: געשפרונגען אויף איר, געוואָרטשעט, גערירט זי מיט דער לאַפע.

זינע האָט געדריגעט מיט די פיס און מיט א נאַסן פאַרוויינטן פנים געטריבן אים פון זיך.

— גיי העקטאָר, גיי! ביסט א שלעכטער, אַזוי ווי אַלע מענטשן גיי!

און זי האָט זיך אָפגעקערט פון אים.

העקטאָר האָט זיך אָפגערוקט. א פאַר מינוט איז שטיל געווען.

זינע האָט זיך אָבער נישט געקאָנט איינהאַלטן און שטילערהייט זיך אומגעקערט זען, וואָס מיט העקטאָרן איז. און דאָ האָט זי דערזען אַזוינס, וואָס קיין איין מענטש וואָלט עס רויק נישט געקאָנט צוזען: העקטאָר איז געזעסן אויף די הינטערשטע לאַפעס, פאַרביסן די אויבערשטע ליפ, אַרויסגעשטעלט די ציין און פאַרוונדערט געקוקט אויף זינען. ס׳איז אויסגעקומען, אַזוי ווי ער וואָלט גע־שמייכלט... דערזען אַזאַ פנים ביים הונט, האָט זינע אויסגעשאָסן מיט א געלעכטער, איז אַראָפגעשפרונגען פון בעט און זיך א לאָז געטאָן דורך אַלע צימערן מיט א געשריי:

— מאַמע, העקטאָר לאַכט!

— נו, שוין אָפגעברוגזט זיך, מיין טאָכטער? — האָט די מאַמע געפרעגט.

זינע האָט אָבער איצט געהאַט נאָר איינס אין זינען. זי האָט געשלעפט די מאַמען פאַר דער קלייד און געשריען:

— מאַמע, קום, העקטאָר לאַכט!

די מאַמע האָט געמוזט גיין מיט איר אין שלאָפצימער.

העקטאָר איז נאָך אַלץ געזעסן אין דער זעלבער פאָזע און געשמייכלט.

דערזען זינעס לאַכעדיק פנים, איז ער פריידיק אויפגעשפרונגען און האָט א לעק געטאָן זיין פריינדין אין סאַמע נאָז.

ווידער שלום אין שטוב. זינע האָט זיך באַרויִקט

זי נעמט א ביכל און זעצט זיך לייענען.

---

ביינאַכט ענדערט זיך דאָס בילד. העקטאָר איז אומעטיק און טרויעריק און זינע פאַסט אים אויף, מיט וואָס נאָר זי קען.

העקטאָר איז אַזוי צעשראָקן! ווען דאָס מיידל הייבט אָן צו טראָגן האָלץ אין די אויוונס, פאַלט אויף אים אָן אַ מורא. ער לויפט נאָך דער מיידל, באַגלייט זי אויף די טרעפּ, אַזוי ווי ער וואָלט איר וועלן העלפן.. אין אַז דאָס האָלץ פלאַקערט אויף, זעצט ער זיך אַנטקעגן פלאַם און טרעט נישט אָפּ, ביז וואַנען מע פאַרמאַכט נישט דאָס טירל. עפּעס אַ מאָדנע זאַך קומט דאַן פאָר מיט העקטאָרן. מע וויל אים אָפּ-ציען מיט עסן, זינע רופט אים זיך שפּילן — העקטאָר בלייבט צו אַלץ קאַלט און זיצט שעהנלאַנג אומבאַוועגלעך ביים אויוון און קוקט אין פלאַם אַריין.

אָפּטמאָל פלעגן זיך אין זיינע אויגן ווייזן טרערן... זיי פלעגן אַ ציטער טאָן און אַראָפּקייקלען זיך איבער זיין גראָען פּנים.

זינע פלעגט אויף ליב האָבן צו זיצן מיטן הונט ביים אויוון. דערזען טרערן ביי העקטאָרן אין די אויגן, פלעגט זי זיך אויפשטעלן, צוגיין צום ברודער און מיט אַ ציטערדיקן קול אים דערציילן:

— וועלוועלע, ווייסט? — העקטאָר וויינט!

וועלוועלע גלויבט נישט. ער דערקלערט דאָס אַזוי:

— די מאַמע זאָגט, אַז דאָס ווערט ביי אים פון פייער!

— יע, וועלוועלע, ער וויינט! און ווייסט פאַרוואָס? מסתּמא דערמאָנט ער זיך אָן זיין פריערדיקן באַלעבאָס...

ביידע גייען צו צו אים, זעצן זיך אים ביי די זייטן, קוקן אין פלאַם, וואָס טוקט זיך, באַטראַכטן העקטאָרס אומבאַוועגלעכן בליק, גלעטן אים שטיל און פאָרזיכטיק זיין שוואַרצע גלאַנציקע פלייצע און שעפּטשען:

— העקטאָר וויינט! העקטאָר וויינט...

ע. ווילדענברוך

# אין דער פרעמד

(פון אינטערנאַנטן־לעבן)

ער איז געווען אַ קליין געפּאַקט ייִנגל, מיט אַ גרויסן קיילעכדיקן קאָפּ, אַ פּאַר־הלומטער, אַ צעשטרייטער, אַן אומבאַוועגלעכער, אַן אומגעלומפּערטער.

חֶבְרָה האָט גלייך דעם ערשטן טאָג שוין באַמערקט, אַז דער „נייער" איז שווערלעך אויפן טראָט, און מע האָט אים געקרוינט מיטן צונעמעניש — „מאָפּס".

פון דאַן אָן איז ער געוואָרן צו שפּאָט ביי אַלעמען אין שול.

באַזונדערס שווער איז אים געווען אויף די לעקציעס פון גימנאַסטיק. אַז „מאָפּס" פלעגט נעמען קלעטערן אויפן שטאַנג, פלעגן זיך אַלע קייקלען פאַר געלעכטער.

שטעלט זיך פאַר אַ בילד: אַ קליין קיילעכדיק גופל הייבט זיך אויף ציטעריק און צאַפּלענדיק אויף אַ מעטער פון דער ערד און בלייבט הענגען אומבאַהאָלפן אָן באַוועגונג. באַלד פאַרלירט עס די כּוחות און נעמט אָטעמען שווער, ווי אַ פיש, וואָס מע האָט אַרויסגעוואָרפן אויפן ברעג...

דער לערער ווייס שוין, מיט וועמען ער האָט צו טאָן, און הייסט אים גלייך אַראָפּקריכן פון שטאַנג.

„חברה" האָט שוין אָבער אומזיסטן טעאַטער.

וואָס האָבן אַלע געטראַכט וועגן אים?

— אַ פאַרצויגן, צעפּעשטשעט קינד!

---

באַלד האָבן זיך די חברים דערוווּסט, אַז „מאָפּס" האָט צום ערשטן מאָל פאַרלאָזן די היים און בענקט שטאַרק.

ער בענקט!.. טיף אין האַרצן האָט יעדערער פון זיי געוווּסט, וואָס דאָס הייסט בענקען. ווער וועט דאָס אָבער אַרויסווייזן, פאַרציען זיך?

ביי זיך אין צימער פלעגט „מאָפּס" שטענדיק זיצן איבערן טיש.

וואָס האָט ער געטאָן? געאַרבעט? ניין! — געשריבן בריוו, לאַנגע בריוו, אַהיים, צו דער מאַמען.

מיט גוואַלד פלעגט ביי אים דער אויפזעער צונעמען דאָס פּאַפּיר און אַרויס־טרייבן אים אויפן נאָכמיטאָגדיקן שפּאַציר.

קירצלעך האָט מען אַנטדעקט זיינעם אַ סוד. מע האָט זיך דערוווּסט, אַז ער וואַרט אומגעדולדיק אויף פּסח און ציילט שוין די טעג, הגם צו פּסח איז נאָך געווען אַ שטיק צייט!

ווי אַזוי ציילט ער? ער האָט זיך געמאַכט אַ ספּעציעלן לוח מיט אַזוי פיל פּאַסיקלעך, וויפיל טעג עס זיינען פאַרבליבן ביז יום־טוב. און אַלע טאָג שטרייכט ער אויס איין פּאַסיקל. ס'הייסט — נאָך אַ טאָג איז אַוועק!

אַז חברה האָט זיך דערוווּסט וועגן דער געשיכטע, האָט מען אים שוין ניט געלאָזט רוען.

— מאָפּס, וואָס הערט זיך עפּעס מיט דיין לוח?

— זאָג מיר, מאָפּסעלע, וויפיל איז געבליבן ביז פּסח?

— ווייסט, מאָפּס, מע וועט דיך אַהיים נישט אָפּלאָזן!

ביי דער ידיעה פלעגט ער בלאָס ווערן, און טרערן פלעגן זיך אים שטעלן אין די אויגן. הגם ער האָט געוווסט, אַז די חברים לאַכן דאָס פון אים, דאָך האָט ער זיך דערפאַר שטאַרק געשראָקן.

---

ס׳איז געקומען פעברואַר. ס׳איז געווען קאַלט. גימנאַסטיק האָט מען געמאַכט אין זאַל. דעם גימנאַסטישן פּלאַץ פון יענער זייט פּאַרק האָט מען איגנאָנצן פאַרלאָזן.

איינמאָל נאָך מיטאָג, ווען מיר, שילער, האָבן ווי געוויינטלעך געשפּאַצירט איבערן הויף, האָבן מיר באַמערקט, ווי אַ גרופּע חברים שטייט עפּעס הינטער דער וואַנט, וואָס טיילט אָפּ דעם פּאַרק פון גימנאַסטישן פּלאַץ. אַלע שטיקן זיך פאַר געלעכטער און ווייזן אָן צום גימנאַסטישן פּלאַץ. וואָס איז? — „מאָפּס״ מאַכט גימנאַסטיק...

חברה האָט זיך פאַרשטעלט, כּדי ער זאָל גאָרנישט ניט מערקן.

אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען און זיך געישובט. ענדלעך האָט ער זיך אויף עפּעס אַנטשלאָסן. איז צוגעגאַנגען צום שטאַנג און גענומען זיך הייבן, אָבער אַזוי אומגעלומפּערט, אַז ער האָט זיך שיר גישט אַ זעץ געטאָן אָן דרערד.

דער עולם פון הינטער דער וואַנט איז שוין גרייט געווען אַרויסצושיסן מיט אַ געלעכטער. מע האָט זיך אָבער איינגעהאַלטן, געוואָלט זען, וואָס וועט ווייטער זיין.

ער האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען, אַז אין שווערן מאַנטל וועט זיך אים נישט איינגעבן אַרויפצוקריכן אינדערהויך. איז ער אַראָפּגעקראָכן, האָט אויסגעטאָן דעם מאַנטל און נישט געקוקט אויפן פראָסט, ווידער זיך גענומען הייבן. די הענט זיינען אים בלאָ געוואָרן, די פינגער האָבן געסטאַרטשעט ווי רויטע מערעלעך. ער האָט אָבער אויף דעם נישט געקוקט און געשטייגט אַלץ העכער און העכער. אַ ווײַלע האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן און זיין פּנים איז געוואָרן אַזוי ערנסט, אַזוי ווי ער וואָלט תּפילה געטאָן.

באַלד האָט ער זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט און מיט אַזאַ פלייס, אַזוי ווי אָן דעם וואָלט אָפּהענגיק געווען זיין לעבן.

און גאַנץ מיגלעך, אַז ער וואָלט דערגרייכט דעם שפּיץ, ווען די חברים וואָלטן זיך פּלוצלונג נישט באַוויזן. זיי האָבן אָבער אַרויסגערוקט די קעפּ און גענומען אים שרעקן: — „מאָפּס״, דו פאַלסט אַראָפּ! מאָפּס, היט זיך!

ס׳איז קאָנטיק געווען, אַז ער האָט אַ ציטער געטאָן. ער האָט זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן, צונויפגעפּרעסט די ליפּן און געקלעטערט ווייטער.

מיט איין שפּרונג זיינען באַלד אַלע אַריבער אויף דער אַנדער זייט — אויפן פּלאַץ.

איין יינגל איז צוגעלאָפן צום שטאַנג און גענומען אים טרייסלען.

„מאָפּס״, האָט זיך מער ניט געקאָנט האַלטן.

— לאָז! לאָז! — האָט ער גענומען שרייען, אָבער דאָס יינגל האָט נישט נאָכגעלאָזן און אין אַ מינוט אַרום האָט זיך דער אומגליקלעכער „מאָפּס״ אַראָפּגעקוליעט אויף דרערד מיטן קאָפּ אַראָפּ.

אַ פריידגעשריי האָט פאַרהילכט די לופט.

באַלד אָבער האָט זיך דערהערט אַ געשריי פון אויפרעגונג: „מאָפּס״, וואָס האָט ביז איצט קיינעם ניט אָנגערירט, האָט זיך איצט ווי אַ ווילדער אַ וואָרף געטאָן מיט

די פויסטן צום יינגל, וואָס האָט אים אָראָפּגעוואָרפן פון שטאַנג, און גענומען אים שלאָגן מיט אַלע כּוחות. יענער האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געשוויגן. די חברים האָבן זיך אויך אָנגענומען פאַר אים. קורץ — אין עטלעכע מינוט אַרום איז דער אָרעמער „מאָפּס" געלעגן אויף דר׳ערד און ביטער געוויינט.

דאָס היטל האָט מען ביי אים אַראָפּגעריסן, דער מאַנטל זיינער האָט זיך געוואַלגערט אין שניי. ער האָט ניט געפילט קיין קעלט.

עס זיינען צוגעקומען עלטערע שילער. זיי האָבן אַוועקגעטריבן די שלעגער און געפּרוווט בּאַרויקן דעם געשלאָגענעם. ער האָט ניט אויפגעהערט צו וויינען.

באַלד איז צוגעקומען דער לערער. יענעם טאָג האָט אויפגעפּאַסט אויף אונדז דער לערער דניאל — אַ הויכער, אַ דיקער, זייער אַ ליבער מענטש.

ניט ריידנדיק קיין וואָרט, איז ער צוגעגאַנגען צו „מאָפּסן", האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן יינגלס קאָפּ.

— וואָסי דיר? וואָס האָבן זיי דיר געטאָן?

דערהערט דאָס פריינדלעכע קול פונם לערער, האָט זיך דאָס יינגל פּאַמעלעך אויפגעהויבן. דעם קאָפּ האָט ער נאָך אָבער געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט, דאָס פּנים זיינס איז געווען רויט, פאַרוויינט.

דאָס געזיין האָט אים אַלץ געשטיקט.

— ווייזט אַהער דעם מאַנטל זיינעם! — האָט געזאָגט דער לערער.

— קינדעלע, וואָס האָסטו עפּעס אויסגעטאָן דעם מאַנטל?

דאָס יינגל האָט געשוויגן.

ער איז געקראָכן אויפן שטאַנג! — האָט עמיצער דערציילט.

— איך פרעג אייך ניט! — האָט דער לערער געזאָגט—ער וועט אַליין דערציילן.

— דערצייל, טייערינקער, וואָס ביסטו געקראָכן?

דאָס יינגל האָט אָבער ניט געקאָנט אויסריידן קיין וואָרט.

מע האָט אים דערלאַנגט דעם מאַנטל.

דער לערער האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ קלאָץ, גענומען דאָס קינד אויף די קני, אַריינגענומען דעם קינדס פאַרפראָרענע הענטלעך אין זיינע הענט.

— דערצייל, טייערינקער, וואָס איז דאָ געווען?

— די מאַמע!..— האָט דאָס יינגל אָנגעהויבן, אָבער געוויינען האָבן אים ווידער ניט געלאָזט ריידן.

דעם לערערס ברייטע הענט האָבן אים אַרומגענומען אינגאַנצן, געגלעט איבערן פּלייצע, איבערן קאָפּ.

— די מאַמע האָט געשריבן... זי איז קראַנק..

טרערן האָבן זיך אַ גאָס געטאָן פון זיינע אויגן. ער האָט אַרומגענומען דעם לערער פאַרן האַלדז און דערציילט אים.

וואָס ער האָט גערעדט, האָט מען ניט געקאָנט הערן, נאָר דעם סוף האָט מען געהערט:

— זי רעכנט, אַז זי וועט שוין נישט ווערן געזונט...

די חברים האָבן אַרומגערינגלט דעם לערער מיטן תּלמיד. ס׳איז געווען שאַ-שטיל. נאָר דעם יינגלס שוואַך קול האָט זיך געהערט:

— איך בין געקומען אַהער און זיך אַזוי געטראַכט: וועל איך דערגרייכן דעם שפּיץ פון שטאַנג און ניט אַראָפּפאַלן, דאַן קען איך האָפן, אַז די מאַמע וועט געזונט ווערן...

דער לערער האָט צוגעדריקט דעם קינדס קאָפּ צו זיין ברוסט.

— נו? האָסטו דערגרייכט דעם שפּיץ?

דעם יינגלס קערפּער האָט געציטערט ווי אין אַ פיבער.

— אַז איך בין שוין געווען ביים סאַמע שפּיץ, זיינען זיי געקומען און מיך אַראָפּגעוואָרפן...

דער לערער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דורכגענומען די קינדער מיט זיין בליק — טרויעריק, מיט אַ פאַרוואורף. דאַן האָט ער זיך ווידער איינגעבויגן צום יינגל.

— נעבעכל, טייערינקער! — האָט ער געזאָגט.

ער האָט געוואַרט, ביז יענער האָט זיך עטוואָס באַרויִקט, און דאַן זיינען זיי ביידע אַוועק צו דער געביידע פון דער שול.

— און איר צו דער אַרבעט! שוין צייט! — האָט ער געזאָגט צו אונדז.

און געהאָרכזאַם, ווי אַ טשערעדע שאָף, זיינען מיר אַוועק נאָך אים.

---

אויף מאָרגן אינדערפרי האָט דער עלטערער אויפזעער אונדז דערציילט, אַז ביינאַכט, ווען אַלע זיינען געשלאָפן, האָט זיך געעפנט די טיר פון „מאָפּסיקס" צימער און מיט אַ ליכט אין דער האַנט איז צו אים אַריין דער לערער דניאל. ער איז צוגע־גאַנגען צום קינדס בעטל, פאַרשטעלט מיט דער האַנט די שיין און לאַנג, לאַנג געשטאַנען און שווייגנדיק געקוקט אויפן שלאָפעדיקן קינד. דערנאָך האָט ער טיף אָפּ־געזיפצט און איז אַרויס אַזוי שטיל, ווי ער איז אַריין.

דעמזעלבן טאָג, פאַרן אָנהייב פון אַ לעקציע, איז צו אונדז אין קלאַס אַריין דער לערער דניאל.

— קום אַהער, טייערינקער! — האָט ער גערופן „מאָפּסיקן".

דאָס יינגל איז אַרויס פון קלאַס און איז שוין צוריק ניט געקומען.

נאָך דער לעקציע, ווען אַלע זיינען אַראָפּ אונטן, האָבן זיי שוין געפונען מאָפּסיקן אָן אָנגעטאָנענעם. ער איז געשטאַנען אין פאָדערצימער. אויף דרערד זיינען געלעגן זייערע זאַכן.

אַלע האָבן זיך געוווּנדערט: צי דען פאָרט ער שוין אַהיים? אַזוי פרי?

ווי שטענדיק איז ער געשטאַנען אַ שווייגעדיקער און ניט געענטפערט אויף די פראַגעס. מע האָט פון אים קיין זאַך ניט געקאָנט דערגיין.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז אָנגעקומען דער לערער דניאל.

די קינדער האָבן אים אַרומגערינגלט, פאַרוואָרפן מיט פראַגן.

מיט אַ ציטערדיקער שטימע האָט ער דערציילט: — ס'איז אָנגעקומען אַ טע־לעגראַמע: זיין מאַמע איז געפערלעך, ער מוז תיכּף קומען אַהיים...

און דער לערער האָט געוואָרפן אַ בליק פול רחמנות צום יינגל.

— זאָגט אים גאָרנישט, ער ווייס נאָך פון קיין זאַך נישט.

מיר האָבן אים גאָרנישט געזאָגט, ניט געוואָגט אפילו צוצוגיין צו אים.

די מאַמע איז קראַנק!.. ווער פון אונדז האָט נישט געוווּסט, וואָס ס'באַטייט דאָס וואָרט?

און דאָס ייִנגל, פון וועלכן מיר האָבן פריער אַזוי געשפּאָט און געלאַכט, איז מיטאַמאָל געוואָרן ביי אונדז אין די אויגן עפּעס גאָר אַן אַנדערער. ער האָט דער־מאָנט עפּעס הייליקעס און שרעקלעכעס, פאַר וואָס עס האָבן געציטערט אונדזערע אַלעמעס הערצער.

די פור איז צוגעפאָרן.

דניאל איז צוגעגאַנגען צום ייִנגל, אַרויפגעלייגט אים די האַנט אויפן אַקסל.

— לאָמיר פאָרן, טייערינקער! שוין צייט!

מאָפּסיקס פּנים איז ליכטיק געוואָרן. ער האָט אָנגענומען דעם טשעמאָדאַן. אַלע האָבן אים געהאָלפן. יעדערן האָט זיך געוואָלט אַרויסווייזן אים זיין מיטגעפיל, טאָן אים עפּעס גוטס.

— אַדיע, מאָפּסיק, אַדיע!..

צוואַנציק הענט האָבן זיך אַ צי געטאָן צום קליינעם קאַלטן הענטל און געדריקט עס שטאַרק, שטאַרק.

ער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס ס'קומט פאַר אַרום אים. מיט וווּנדער און מורא האָט ער זיך אַרומגעקוקט.

באַלד האָבן זיי זיך ביידע, ער מיטן לערער, אַריינגעזעצט אין וואָגן.

אַ שמיק, אַ ריר — און די פור האָט זיך גענומען דערווייטערן.

אַלע זיינען געשטאַנען ווי פאַרשטיינערט. אַזוי לאַנג, ביז זי איז אינגאַנצן פאַר־שווונדן פון די אויגן.

דערנאָך איז מען זיך פאַמעלעך און שטיל פונאַנדערגעגאַנגען אין די קלאַסן.

— אַוועקגעפאָרן!.. — און שוין מער צוריק ניט געקומען.

לויט ע. ווילדענברוך — ש. באַסטאָמסקי.

# באַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע.

דער פאַרלאַג „נייע יידישע פאָלקסשול"

האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ

## באַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע

אין באַזונדערע העפטן פאַר די מיטעלע און עלטערע קלאַסן פון דער יידישער שול.

די כרעסטאָמאַטיע איז צונויפגעשטעלט פון **ש. באַסטאָמסקי.**

אין דער כרעסטאָמאַטיע קומען אַריין ווערק פון דער יידישער און אייראָפּעישער ליטעראַטור.

עס זיינען שוין דערשינען פאָלגנדיקע העפטן:

1. **שלום אַש** — „די פאַרפלייצונג" (פון דעם לעבן פון די יידן אין מיטל־אַלטער. אויסצוג פון דער „כישופמאַכערין פון קאַסטיליען").
2. **אברהם רייזען** — 1) ווען עסט די מאַמע? 2) די נייע לאַטע.
3. **ז. סעגאַלאָוויטש** — די וואַנט (דראַמאַטישער עטיוד).
4. **קאַלעוואַלאַ** (פינישער עפּאָס – 15־טע רונע), יידיש– הערש ראָזענפעלד.
5. **ל. טאָלסטאָי** – זאַמלהעפט (דריי פראַגן; שיינקייט, גוטס און גליק; סצענעס).
6. **מאַקסים גאָרקי** – 1) סימפלאָן. 2) די קינדער פון פאַרמאַ.
7. **י. פּאַט** – איבער נאַכט גראָ געוואָרן (וועגן ביינוש מיכאַלעוויטש)
   **מ. ראָזנבאַום** – ווי אַזוי גריגאָרי גערשוני איז אַנטלאָפן פון קאַטאָרגע?
8. **הענריק סענקעוויטש** – יאַנקאָ דער שפּילער. יידיש – ש. באַסטאָמסקי.
9. **יעלפּאַטיעווסקי** — העקטאָר; **ווילדנברוך** — אין דער פרעמד.
10. **דר. ש. עטינגער** – סערקעלע (1־טער אַקט)
11. **עמיל זאָלאַ** – קוילנגרעבער. יידיש – ש. באַסטאָמסקי

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

S. Bastomski Wilno, Stefańska 24 m. 28.